# להתעהן באהבתך וביראתך

יצא לאור ע"י כיתה גבוה דת"ת "תורה ויראה" דרב"י ד'סאטמאר לאנדאן יצ"ו

מיסודו של כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זי"ע — בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

פרשת ויצא תשע"א לפ"ק

גליון מ' שנה ב'


סוזק"ש 8:52

## תורת אמת

**מבאר שבע וילך חרנה**
די ווארטער איז ר"ת מ'יד ב'א א'ליפז ר'שע ש'הוא ב'ן ע'שיו ו'יתן ל'ו י'עקב כ'ל ח'זר ר'יקם נ'שאר ה'מקל (גלייך איז געקומען אליפז הרשע וואס ער איז א זון פון עשיו און יעקב האט אים אלעס געגעבן ער האט זיך צוריק געקערט ליידיג נאר מיט די שטעקן).
**חתם סופר**

אויך איז די ווארטער ר"ת ו'יצא י'עקב צ'דיק א'ז י'שא ע'שו ק'ולו ב'בכי, מ'יד ב'א א'ליפז ר'שע ש'הוא ב'ן ע'שו ו'יתן י'עקב ל'ו כ'ל ח'ילו ר'ק נ'שאר ה'מקל.
(דאס מיינט אז יעקב אבינו איז ארויסגעגאנגען, דערמאלטס האט עשו אויפגעהויבן זיין קול מיט א געוויין, באלד איז אליפז רשע געקומען וואס ער איז די זון פון עשיו און יעקב האט אים געגעבן זיין גאנצע פארמעגן, עס איז נאר איבער געבליבן זיין שטעקן.
**הגאון מהר"י אסאד זי"ע**
(אלי' בערקעוויטש – משה אהרן יעקב שרייבער)

**והנה סלם מצב ארצה**
ר"ת ס'עודת ל'יווי מ'לכה
די סעודה מלוה מלכה איז מצב ארצה, מענטשן קוקן דאס נישט אן וויל מען מיינט אז דאס איז נישט קיין גרויסע זאך, אבער דער אמת איז וראשו מגיע השמימה, זיין שפיץ און גרויסקייט פון די מצוה דערגרייכט ביזן הימל.
**הגה"ק מריזין זי"ע**
(מרדכי יהודה לעוו)

**והנה סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה**
דאס איז א רמז אויף א מענטש, מוצב ארצה, וואס זיין גוף קומט פון דער ערד, וראשו און זיין הייליגע נשמה, מגיע השמימה, דאס קומט פון גאר א הייליגע פלאץ, פון אונטער'ן כסא הכבוד.
**ישמח משה**
(עזריאל ארי'ה יוזשעף)

**ואנכי לא ידעתי**
יעקב אבינו האט דא געזעהן אן אינטערעסאטע ערשיינונג, שוין פערצן יאר וואס ער איז געזעצן ביי שם ועבר און געלערנט תורה, און נישט צוגעמאכט קיין אויג און האט נישט זוכה געווען צו א געטליכע נבואה, און דא האט ער זיך אפגעשטעלט און "איין" מאל געדאווענט מעריב און שוין האט ער זוכה געווען צו אזא נבואה. האט יעקב געזאגט, "ואנכי לא ידעתי" איך האב אליין נישט געוואוסט דעם גרויסן כח פון א תפלה אז דורך איר האב איך זוכה געווען צו אזעלכע מדריגות.
**מאור ושמש**
(יוסף דוב סאלינסקי)

**ויאמר לבן הן לו יהא כדבריך**
לבן האט זיך צוגעכאפט צו די ווערטער וואס יעקב האט נארוואס געזאגט, "כל אשר איננו נקוד וכו' גנוב היא אתי" און מרמז געווען אז עס וואלט געווען געוואונטשן אז מ'כאפט יעקב אבינו ביי די גניבה וויל א רשע האט א פארגעניגען ווען מ'קען רעדן שלעכטס אויף א צדיק.
**חתם סופר**
(שניאור זלמן גאלדמאן)

## עצי תמרים

**ויצא יעקב מבאר שבע** פירש"י למה הזכיר יציאתו אלא להגיד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם יצא משם פנה הודה פנה זיוה פנה הדרה.
עס שטייט אין זוה"ק אז די לשונות פון הודה זיוה והדרה זענען מרמז אויף אלע דריי עמודי העולם די אבות הק', יעקב איז תורה, אזוווי עס שטייט אין פסוק יעקב איש תם יושב אוהלים, יצחק איז עבודה, ער איז געווען אן עולה תמימה און אברהם איז דער עמוד החסד.
אמת'דיג האבן אלע אבות הק' געדינט דער רבש"ע מיט אלע דריי מידות אבער יעדער איז געווען ספעציעל אין זיין מידה.
הוד איז מרומז אויף די תורה הק' אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (תהילים), שנתן הקב"ה את ההוד למשה שנאמר ונתתה מהודך עליו, און זיו איז מרומז אויף

עבודה אז עבודת השם דארף זיין אין א בחינה פון זך – ריין אן קיין מחשבות פסול. און הדר איז מרומז אויף גמילת חסדים אזוי ווי עס שטייט ביי אברהם והדרת פני זקן. (והדרת איז א לשן פון הדר).
דאס קומט אונז רש"י הק' זאגן אז ווען יעקב איז ארויס פון שטאט האט זיך געשפירט אז עס האט אלע דריי בחינות נישט נאר תורה, נאר אויך עבודה און גמילות חסדים.

**ברך משה**
(מנחם יודא לאנדא)

**ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש**
עס איז באוואוסט די כלי יקר פרעגט א קשיא, ער וואלט נאר געדארפט זאגן ונתן לי לחם ובגד און נישט מער? קען מען זאגן פשט לויט דעם וואס שטייט אין גמרא אמר ליה ר' חייא בר אבא לר' אסי וועסטו פרעגן וואס זענען די ימים טובים אין בבל פרייליך וועגן זיי זענען ארים, זאגט רש"י ווייל זיי זענען ארים און א גאנץ יאר האבן זיי נישט קיין שמחה פון די עסן און טרינקען און זיי האבן נישט קיין אפרוה פון די ארבעט וועגן דעם איז יו"ט זייער גאנצע שמחה. עוד איתא שם ווייסטו, וועגן וואס זענען די תלמידי חכמים אין בבל מצויינים ווייל זיי זענען נישט קיין בני תורה זאגט רש"י מפני שאינם בני תורה: ווייל מען איז זיי נישט מכבד לויט זייער תורה נאר וועגן זייער מלבושים וואס זעהן אויס חשוב.
הרי לן אז עס איז דא במציאות אז ברויט זאל זיין פאר א מענטש נישט נאר פארן עסן נאר אויך א שמחה ווייל אויב ער איז אן ארימאן און ער האט נישט אייביג צו עסן און טרינקען וועגן דעם ברענגט אים עס אויך א שמחה חוץ פון דעם פון די עסן און אזוי אויך א קלייד קען זיין אמאל נישט נאר פאר די צורך פון אנטוהן ווייל אויב ער איז נישט קיין בן תורה. דערמאלטס טוט ער אן די קלייד כדי מען זאל אים מכבד זיין וזה און דאס איז וואס יעקב אבינו האט מתפלל געווען "אם יהי' אלקים עמדי ונתן לי לחם 'לאכול" ד.מ. אז עס זאל נישט זיין קיין ארימקייט און מען זאל האבן וואס צו עסן און טרינקען אייביג און די עסן זאל דווקא נאר זיין "לאכול" צו עסן און נישט אויך פאר א שמחה ובגד "ללבוש" ד.מ. אז מען זאל זיין בני תורה און די קליידער זאלן זיין דווקא נאר ללבוש אנצוטוהן און נישט פאר כבוד.

**ברך משה**
(שלמה ארי' פרענקל מב"ח)

**ושבתי בשלום שלם מן החטא שלא אלמד מדרכי לבן (רש"י).**
לכאורה דארף מען פארשטיין די ווערטער פון רש"י, ווייל אין פסוק שטייט שלום מיט א ו' און רש"י טייטשט של"ם – גאנץ אן א ו'.
נאר מיר ווייסן אז שלום איז א מדה וואס נעמט אין זיך אריין א סאך טובות און ברכות ווי די גמרא זאגט, השי"ת האט נישט געטראפן נאך אזא גוטע זאך ווי שלום. אויב אזוי, פארוואס האט יעקב אבינו מתפלל געווען אז ווען ער קומט אהיים צום טאטע'נס הויז זאל עס זיין מיט "שלום" און ביז דערמאלטס פעלט נישט אויס קיין שלום? נאר יעקב אבינו האט געוואוסט אז נישט מיט יעדן איינעם איז גוט צו זיין בשלום, ווייל מיט רשעים און שלעכטע לייט טאר מען נישט זיין בשלום, און אזוי ווי יעקב אבינו האט געוואוסט אז ער גייט יעצט צו לבן הארמי, האט ער מיט אים נישט געוואלט זיין בשלום, דערפאר האט ער געבעטן אז נאר ווען איך קום אהיים צום טאט'ן דעמאלטס זאל זיין שלום.
דאס מיינט רש"י צו זאגן, "שלם מן החטא", יעקב אבינו האט געבעטן אז ער זאל אהיימקומען פון לבן גאנץ אן עבירות און ער זאל זיך גארנישט אפלערנען פון אים, ווי אזוי קען דאס צושטאנד קומען? נאר אז "ושבתי בשלום אל בית אבי" אז נאר אין בית אבי וועט זיין די מדה פון שלום, אבער מיט דעם רשע לבן וויל איך נישט זיין בשלום.

**דברי יואל**
(עזריאל ארי'ה יוזשעף)

## למען תספר

**מלמד שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם (רש"י)**
ווען דער קדושת לוי זצ"ל איז געווען רב אין זשעליכאוו (בעפאר באַרדיטשוב) האט ער זייער געליטן פון זיינע מתנגדים, וואס האבן אים זייער מצער געווען, ביז ער האט געמוזט אוועקגיין פון די שטאט צוליב רדיפות וואס ער האט געהאט.
ארויסגייענדיג פון שטאט האט אים איינער פון די מתנגדים א פרעג געטוהן, רבי! רש"י ברענגט אין פר' ויצא אז ווען א צדיק גייט ארויס פון שטאט זעט זיך עס אן אין שטאט, און דא גייט דער רבי' ארויס פון שטאט, און מ'קען גארנישט דערקענען. די שטאט זשעליכאוו בלייבט ווייטער אין איר פולע פראכט.
האט זיך דער קדושת לוי אנגערופן: לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס נאר ביי יעקב געפינען מיר אז 'יציאת צדיק עושה רושם", און ביי אברהם און יצחק אבינו געפינען מיר גארנישט, נאר דער תירוץ איז, ביי אברהם אבינו און יצחק אבינו ווען זיי זענען ארויס פון שטאט איז נאר געבליבן אין שטאט

רשעים וכדומה וואס זיי האבן נישט געפילט אז דער צדיק איז ארויס פון שטאט אבער ווען יעקב איז ארויס פון שטאט זענען דארט געבליבן יצחק און רבקה און זיי האבן שוין גאנץ גוט געשפירט אז דער צדיק גייט ארויס, און מיט דעם האט ר' לוי יצחק זצ"ל צוריק געענטפערט פאר דעם רשע, "יעצט וויסטו שוין פארוואס דו שפירסט גארנישט?"...

(עזריאל ארי'ה יוזשעף)

**עלי יניח צדיק את ראשו (רש"י)**

עס ווערט דערציילט אז דער ייטב לב זצ"ל האט געזאגט א דרשה ביי זיך אין שטאט, איינער פון זיינע מתנגדים האט אריינגעווארפן א שטיין וואס האט שיעור געטראפן דעם ייטב לב, ווען די חסידים האבן שפעטער באטראכט דעם שטיין, האבן זיי געזען אז דאס איז גאר א גרויסע שטיין, און ביים פענסטער ווי די שטיין האט דורכגעלעכערט איז געווען א קליינע לאך. עס איז געווען א גרויסע וואונדער ביי זיי.

האט דער ייטב לב זיך אנגערופן, "דער מתנגד האט אריינגעווארפן א פאר קליינע שטיינדעלעך נאר אלע האבן זיך צוזאמגעדרוקט און געזאגט, "עלי ינוח צדיק את ראשו", דערפאר איז געווארן איין שטיין."

(משה אהרן יעקב שרייבער)

**ויחלום והנה סולם מוצב ארצה.**

עס ווערט דערציילט אויף איינעם פון די צדיקים אז יונגערהייט האט אים זיין טאטע געפרעגט, "זאג נאר, פארוואס איז יעקב אבינו נישט ארויפגעלאפן אין הימל אריין, ער האט דאך געהאט א גלעצענדע געלעגנהייט ארויפצוגיין מיט'ן לייטער אין הימל אריין?" האט דאס קלוג קינד געענטפערט "טאטע, עס איז דאך בלויז געווען א חלום."

"אבער פארוואס", האט דער טאטע ווייטער ראגירט "האט ער נישט גע'חלומ'עט דאס אויך אז ער גייט ארויף אויפן לייטער אין הימל אריין?"

האט דאס קינד ערקלערט, "אויב דער אויבערשטער איז אונטן נעבן אים, ווי אין פסוק שטייט והנה ה' נצב עליו, לוינט זיך נישט צו גיין אין הימל, וואס האט מען פון זיין אין הימל ווען דער אויבערשטער שטייט נעבן אים אויף די ערד?"

(יוסף דוב סאלינסקי)

**ויחלום... והנה מאלכי ה' עולים ויורדים בו**

ווען די הייליגע ישמח משה איז געווען א אינגל האט ער נישט געקענט גיין אין חדר, ער האט שוין געקענט אסאך מער האט מען אים געברענגט אן עקסטערע מלמד און אייביג האט ער געפרעגט די קשיות פון רש"י פון זיך אליין אן אריינקוקן אין רש"י, און ווען ער איז אנגעקומען צו די פסוק "והנה מאלכי ה' עולים ויורדים בו" האט ער נישט געפרעגט וואס רש"י פרעגט האט אים די מלמד געפרעגט פאר וואס פרעגסטו נישט רש"י'ס קשיא האט די ישמח משה אים געענטפערט אז מען פרעגט נישט קיין קשיות אויף א חלום.

(יחזקאל הלוי וואזנער)

# יומא דהילולא של הרה"ק רבינו שלמה לוריא זצוק"ל – המהרש"ל

**י"ב כסלו**

אין די צייטן וואס דער מהרש"ל איז געווען רב אין די שטאט לובלין, האט דארט געוואוינט א יונגערמאן וועלכע איז געווען פון זיינע גאר חשוב'ע תלמידים און האט זיך אויסגעצייכנט מיט פארשידענע מעלות ומדות טובות.

האט פאסירט ביי דעם יונגערמאן א ביטערע אומגליק, א קורצע צייט נאך זיין חתונה איז זיין ווייב ל"ע קראנק געווארן אויף אן אומהיילבארע קרענק, און האט זיך געמוטשעט א לענגערע צייט.

דער יונגערמאן האט נישט געשפארט קיין כוחות און מיה ער האט זיך געלאזט קאסטן געלט פאר דאקטוירים, און דערצו מתפלל געווען הייסע תפילות, אבער די שערי רחמים זענען ליידער געווען פארמאכט און זי האט אויסגעהויכט איר לויטער נשמה אין גאר א יונגן עלטער.

דער בראך פון דעם יונגערמאן איז געווען זייער גרויס, און ער האט שטארק באוויינט זיין אומגליק.

געווענליך איז דער סדר העולם, אז ווען עס גייט אדורך א צייט אפלויף נאכדעם וואס עס האט פאסירט לא עלינו אזא אומגליק בארואיגט זיך און מען ווערט געטרייסט, און צוליב דעם האט דער באשעפער געמאכט די נאטור פון שכחה, מען זאל קענען פארגעסן און אנגיין מיט'ן לעבן. אבער ביי דעם יונגערמאן האט עס נישט פאסירט, עס איז אדורך א לענגערע צייט, מען האט שוין אפילו געהאלטן נאך די ערשטע יארצייט, און פארט האט ער זיך נישט געקענט בארואיגן. עס איז גאר געווען פונקט פארקערט, וואס מער צייט עס איז עס איז אדורך, אלס מער אז ער געווארן בעצבות און ממש אריינגעפאלן אין מרה שחורה. האבן זיי באשלאסן צו דערציילן פאר זיין רבי'ן דער הייליגער מהרש"ל, אז ער זאל אים לאזן רופן און מחזק זיין.

דער מהרש"ל האט אים טאקע געלאזט רופן און געפרעגט וואס עס דרוקט אים אזוי שטארק צום הארץ. דער יונגערמאן האט נישט געהעריג געענטפערט, און דער מהרש"ל האט באמערקט אז ער באהאלט עפעס, האט ער אויף אים גוזר געווען מיט זיין כח התורה ער זאל ענטפערן.

דער תלמיד האט דאן דערציילט: "א קורצע צייט פאר מיין ווייב איז נפטר געווארן, האט זי מיך געבעטן אז איך זאל איר צוזאגן בתקיעת כף, אז איך וועל מער קיינמאל נישט חתונה האבן. אין יענע ביטערע מינוטן האב איך

איר געוואלט דערפרייען דאס הארץ און איך האב איר צוגעזאגט.

"דאס איז מיר גורם א גערפערליכן צער", האט דער תלמיד געזאגט מיט געוויין, "איך בין נאך זייער יונג און יעצט דארף איך אפלעבן מיין גאנץ לעבן איינער אליין, און איך קען נישט אויפשטעלן א אידישע שטוב?"

ווען דער מהרש"ל האט געהערט וואס דער יונגערמאן דערציילט האט ער זיך פארטראכט א לענגערע צייט, דערנאך האט ער ארויסגעגעבן זיין קלארן פסק: "דו טארסט זיך נישט רעכענען מיט דעם תקיעת כף, דו דארפסט נאכאמאל חתונה האבן. האב פון גארנישט מורא איך נעם עס אויף מיין אחריות".

דער תלמיד איז געווארן אביסל אויפגעלעבט הערענדיג די ווערטער, און האט זיך שטארק באדאנקט.

ביז א קורצע צייט, האט מען אים אנגעטראגן א פיינעם שידוך, און מיט די הסכמה פון זיין רבי'ן דער מהרש"ל האט ער דאס פארענדיגט בשעה טובה ומצלחת.

ס'איז נישט אדורך מער ווי עטליכע טעג פון ווען ער איז א חתן געווארן, און דער יונגערמאן איז ל"ע פלוצלונג געשטארבן פון איין מינוט אויפן צווייטן. די גאנצע שטאט איז אויפגעשווידערט געווארן. קוים האט ער אויפגעלעבט און געהאט א שטיקל שמחה און אט פאסירט אזא אומגליק.

אויך צום מהרש"ל'ס אויערן איז אנגעקומען די ביטערע בשורה, אבער צו יעדנ'ס וואונדער האט ער גארנישט אויסגעזעהן טרויעריג. ער האט תיכף געלאזט רופן דעם הויפט פון די חברה קדישה און אים באפוילן ווי פאלגענד: "מען זאל דורכפירן אויף דעם יונגערמאן א געהעריגע טהרה אבער איידער מען וועט אים באגראבן זאל מען מיך שיקן רופן, איך וועל דאן ווייטער הייסן וואס צו טוהן".

פארשטייט זיך אז מען האט פונקטליך אויסגעפאלגט דעם רבי'נס אנווייזונגען, און פאר'ן מקבר זיין האט מען געשיקט מודיע זיין פאר'ן מהרש"ל.

דער מהרש"ל איז ארויס צום בית החיים און איבערגעגעבן א צעטל פאר די חברה קדישא. ער האט זיי באפוילן דאס ארייגלייגן אין די האנט פונעם נפטר, זיי זאלן נישט צודעקן דעם קבר, נאר תיכף דערנאך פארלאזן דעם פלאץ, אויפן צעטל איז געשטאנען אזוי, "שלום לכם פמליא של מעלה איך יתכן והלא עשה דוחה לא תעשה שבתורה, גוזרני עליכם בכח התורה שתחזירו לנו את האברך הזה." דער צעטל צו די פמליא של מעלה אין אידישע איבערזעצונג, "פרידן צו אייך פמליא של מעלה, ווי אזוי האט אזא זאך געקענט פאסירן? א מצוה עשה שטופט דאך אוועק א מצות לא תעשה (דאס הייסט די מצות עשה פון פרו ורבו אז מען דארף חתונה האבן, איז שטערקער פון די מצות לא תעשה פון לא יחל דברו, אז מען טאר נישט עובר זיין אויף א נדר) איך בין גוזר אויף ענק מיט'ן כח פון די תורה אז איר זאלט מיר צוריקגעבן דעם יונגערמאן." דער מהרש"ל האט דערנאך גע'חתמ'עט זיין נאמען, "שלמה לוריא".

די חברה קדישא האבן געטוהן פונקטליך ווי דער מהרש"ל האט באפוילן. ארייגעלייגט דאס צעטל אין די האנט פון נפטר, און תיכף פארלאזט דעם אפענעם קבר.

פלוצלונג איז געווארן א געפערליכע איבערקערעניש אין שטאט, דער יונגערמאן וועלכע מען האט ערשט באגלייט מיט גרויס געוויין צום בית החיים, האט ארומשפאצירט לעבעדיגערהייט איבער די גאסן פון לובלין אנגעטוהן מיט ווייסע תכריכים.

א שרעק איז יעדן באפאלן, מאמעס האבן געכאפט די קינדער און געלאפן זוכן שוץ אונטער פארשפארטע טירן, אנדערע האבן זיך פארלוירן און געשריגן קולי קולות פאר גרויס שרעק.

אבער דער יונגערמאן האט זיך נישט געמאכט צו טוהן, ער איז רואיג אהיימגעגאנגען, ווי גלייך גארנישט וואלט פאסירט.

די גאנצע שטאט האט געקאכט און גערוישט פון דעם אפענעם נס, יעדער האט זיך געקענט איבערצייגן די גרויסן כח התורה פונעם הייליגן רב, אז מען האט געזעהן תחיית המתים ממש פאר די אויגן, פארשטייט זיך אז דער קידוש השם איז געווען זייער גרויס.

אבער דא האט זיך געמאכט א נייע פראבלעם, די כלה האט שוין מער נישט געוואלט מיט אים חתונה האבן ווייל ווער וויל דען וואוינען מיט א געוועזענעם נפטר? האט דער הייליגער מהרש"ל נאכאמאל גוזר געווען מיט'ן כח התורה אז דער שר של שכחה זאל מאכן אז אלע איינוואוינער זאלן פארגעסן דערפון, און ביז אפאר טאג איז טאקע פארגעסן געווארן פון אלע שטאט מענטשן ביי וועמען די מעשה האט פאסירט אזוי ארום האט זיך דער יונגערמאן צוריק אויסגעמישט מיט אלע אנדערע יונגעלייט און האט אויפגעשטעלט א בית נאמן בישראל. ער האט דערנאך געלעבט לאנגע געזונטע און גליקליכע יארן.

(די מעשה פלעגט דערציילן דער שפעטערדיגע לובלינער רב, הגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל – ניצוצי אור המאיר, שט"ו)

(משה אהרן יעקב שרייבער)

## הגליון הזה נתנדב

ע"י הרב הגאון דבוק בתורה וחסידות מוה"ר **אברהם חיים גאלדמאן** שליט"א

לרגל הכנסת נכדו לבריתו של אאע"ה

בן בנו הר"ר יואל הי"ו

ויהי רצון כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעש"ט

ויתענגו ממנו רב נחת אמן.